**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 28.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אויפרעכטן בריקן לענגאויס די סטעטן איילענד עקספרעסוועי**

***די בריקן פירן אריבער Woolley Avenue און Bradley Avenue העכער די סטעטן איילענד עקספרעסוועי אין ריטשמאָנד קאונטי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 28.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אויפרעכטן צוויי בריקן לענגאויס די סטעטן איילענד עקספרעסוועי (אינטערסטעיט 278). די בריקן, יעדע איינס פון זיי איבער 60 יאר אלט, פירן אריבער Woolley Avenue און Bradley Avenue העכער די סטעטן איילענד עקספרעסוועי. ביידע האבן באקומען נייע בריק דעקס און אנדערע באדייטנדע פארבעסערונגען וועלכע וועלן פארלענגערן די צייט ווי לאנג זיי וועלן קענען זיין אין דינסט מיט א געשאצטע 40 יאר און רעדוצירן די נויט פאר צוקונפטיגע פאררעכטונגען.

"ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו איבערבויען אונזער אינפראסטרוקטור און זיכער מאכן אז אונזער טראנספארטאציע נעטווארק בלייבט זיכער און פארלעסליך, ערלויבנדיג אונזערע קאמיוניטיס צו בלייבן פארבינדן און אונזער עקאנאמיע צו וואקסן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט אין סטעטן איילענד וועט פארגרינגערן טראפיק און פארשטערקערן פובליק זיכערהייט אריבער די פארנומענע שאסיי דורכן פארבעסערן און מאדערניזירן די סטרוקטורן, זיכער מאכנדיג אז מענטשן און האנדל זענען פאר זיך אריבערצורוקן גרינגערהייט אריבער די באראו."

דער פראיעקט וואס האט זיך אנגעהויבן אין יוני 2022, האט ערזעצט די בריק דעקס פון בעטאן, טראטוארן און די שטאלענע חלקים וואס האלטן צוזאמען די בריק, געפארבט די סטרוקטורישע שטאל און פאררעכטן די סטרוקטורישע שטאלענע זיילן און בעטאן אויף די זיילן וואס האלטן אונטער די בריק אויפן וואסער און וואס באהעפטן עס צו די ערד אויף ביידע זייטן. אין צוגאב זענען די שטאלענע בריק צוימען אראפגענומען געווארן, און נייע זיכערהייט צוימען פון בעטאן זענען אינסטאלירט געווארן.ביידע בריקן – וועלכע געפונען זיך א האלבע מייל איינע פון די אנדערע – זענען פאררעכטן געווארן אין דעם זעלבן צייט צו פארשנעלערן די קאנסטרוקציע פארענדיגונג.

סטריט לייטס זענען ערזעצט געווארן, צייכנעס אויף די פעך זענען צוגעלייגט געווארן, און די פעך איז איבערגעגאסן געווארן אויף אינטערסעקשענס אינערהאלב די גרעניצן פון דעם פראיעקט. עקזיסטירנדע טראטואר ראמפעס זענען פארבעסערט געווארן צו נאכקומען די פארלאנגען פון דעם אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ (Americans with Disabilities Act), און טראפיק סיגנאלן זענען אויך ערזעצט און פארבעסערט געווארן צו ארייננרעכנענע צוגענגליכע פיסגייער סיגנאלן וועלכע לאזן וויסן ווען מען קען יא אדער נישט אריבערגיין אויף א וועג וואס מען דארף נישט זעהן פאר בלינדע פיסגייער אדער אזעלכע וועלכע האבן שוועריגקייטן צו זעהן.

אין צוגאב, זענען פארגעשריטענע טעכנאלאגיע גענוצט געווארן צו העלפן פארלענגערן די יארן ווי לאנג די בריקן וועלן קענען זיין אין דינסט, אריינרעכענענדיג דאס נוצן "לינק סלעבס" אנשטאט בריק דזשוינטס. "לינק סלעבס" וואס זענען געמאכט פון בעטאן זענען אויסגעשטעלט צו אינגאנצן פארדעקן די לאך צווישן צוויי דערנעבנדע טיילן פון א בריק, עלימינירנדיג בריק דזשוינטס וואס פארלאנגען רעגלמעסיגע אויפהאלטונג ארבעט צוליב וואסער וואס רינט אריין אין זיי. פאליעסטער פאלימער בעטאן, א סארט בעטאן וואס גיבט אויך שוץ פאר בעטאן איבערפלאכן קעגן וואסער אויף בריק קאלומנעס און עבאָטמענטס, איז אויך גענוצט געווארן.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז פארפליכטעט צו מאכן ניו יארק'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור מער שטאנדהאפטיג אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. זיך באנוצנדיג מיט פארגעשריטענע טעכנאלאגיע, בויט דער וויכטיגער פראיעקט אריין שטאנדהאפטיגקייט אין די סטרוקטורן און עס פארשטערקערט פובליק זיכערהייט, בשעת'ן רעדוצירן פארבינדענע אויפהאלטונג קאסטן — אלע פון וועלכע גיבן ווערט פאר ניו יארקער."

**קאנגרעספרוי ניקאָול מעליאָטעקיס האט געזאגט,** "די בריקן העכער די סטעטן איילענד עקספרעסוועי זענען געווען אין פארצווייפלטע נויט פון אויפרעכטונג נאכן ווערן אפגעשוואכט אין לויף פון זעכציג יאר פון פארנומענע טעגליכע טראפיק. דורכן מאכן באדייטנדע סטרוקטורישע פאררעכטונגען און ADA מאדערניזירונגען, האבן מיר פארשטערקערט די זיכערהייט פון די בריק און פארלענגערט די יארן ווי לאנג די סטרוקטורן וועלן קענען זיין אין דינסט מיט נאך פערציג יאר. איך בין שטאלץ צו האבן געשטימט אין שטיצע פון דעם פעדעראלן אינפראסטרוקטור געזעץ וואס האט אהערגעשטעלט די פינאנצירונג צו מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות."

**סטעיט סענאטארשע דזשעסיקע סקאַרסעלא-ספענטאן האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול פאר די אינוועסטירונג אין סטעטן איילענד. זיכער מאכן אז אונזערע בריקן קענען שטיצן די קאמיוניטי ווירקזאמערהייט און גיבן פריאריטעט פאר זייער זיכערהייט און אויפהאלטונג זענען גאר וויכטיג צו באשיצן די וואוילזיין פון איינוואוינער."

**סטעיט סענאטאר ענדרו לאנזא האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול און קאמישאנער דאמינגעז פאר די אויפרעכטונג פון די צוויי בריקן צו פארשטערקערן די זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט פאר דרייווערס. איך קוק ארויס צו פארזעצן אונזער ארבעט צו ברענגען נאך גאר-נויטיגע פארבעסערונגען צו סטעטן איילענד'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור."

**אסעמבלי מיטגליד טשארלס ד. פאַל האט געזאגט,** "סטעטן איילענד האט שוין פון לאנג דרינגנדע אינפראסטרוקטור באדערפענישן, און דער פראיעקט אדרעסירט דירעקט די זארגן. מאדערניזירן די בריקן איז א קריטישע און גאר-נויטיגע פארבעסערונג וואס Woolley Avenue און Bradley Avenue וועט באדייטנד פארשטערקערן די זיכערהייט און ווירקזאמקייט פון אונזער טראנספארטאציע נעטווארק. זיכער מאכן אז אונזער אינפראסטרוקטור בלייבט מאדערן און פארלעסליך איז וועזנטליך פאר די וואוילזיין און בליהאונג פון אונזערע איינוואוינער. איך וויל אויסדרוקן מיינע הערצליכע דאנק וואונטשן פאר גאווערנער האקול פאר איר פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו מאכן די קריטישע פארבעסערונגען א מציאות פאר אונזער באראו."

**אסעמבלי מיטגליד סעם ט. פיראזאָלאָו האט געזאגט,** "איך בין גאר פרייליך אז דער לאנג-ערווארטערטער פראיעקט איז סוף כל סוף פארענדיגט! מיט די פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג פארגעשריטענע ערפינדונגען, וועט די סטעטן איילענד עקספרעסוועי און די אָווערפעסעס העכער דעם זיין זיכערער, מער צוגענגליך און שטיין פיל לענגער. א דאנק פאר גאווערנער האקול, קאמישאנער

דאמינגעז און די NYSDOT פאר זייער ארבעט צו זיכער מאכן אז די גאר-נויטיגע ארבעט זאל פארטיג ווערן."

**סטעטן איילענד בארא פרעזידענט וויטאָ פאסעלא האט געזאגט,** "מיר זענען דערפרייידט אז טייל פון די בריקן לענגאויס די סטעטן איילענד עקספרעסוועי זענען געמאכט געווארן מער סטרוקטוריש באפעסטיגט, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר די באמיאונגען. זיכערייט מוז זיין די הויפט פריאריטעט. זעהענדיג די וויכטיגקייט פון די עקספרעסוועי פאר סטעטן איילענד איינוואוינער, באגרוסן מיר די פארבעסערונגען, און מיר דארפן מער דערפון צו מאכן דאס דרייווערן פיל וייניגער ווייטאגליך און אנגעצויגן. מיר זענען גרייט, וויליג און אומשטאנד צו ארבעטן מיט סיי וועם דאס צו מאכן געשעהן."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין קאמילא הענקס האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור דורך די BRIDGE NY פינאנצירונג. די אויפרעכטונג פון בריקן לענגאויס די סטעטן איילענד עקספרעסוועי איז קריטיש צו פארזיכערן די זיכערהייט און שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער טראנספארטאציע נעטווארק. די פינאנצירונג וועט נישט נאר פארשטערקערן פובליק זיכערהייט נאר אויך פארשטערקערן אונזער קאמיוניטי'ס מעגליכקייט צו ביישטיין די ווירקונגען פון קלימאט טויש. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור און שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד, דעיוויד קאַר, האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזער וועזנטליכע אינפראסטרוקטור איז קריטיש, און איך באדאנק די גאווערנער און סענאטאר ענדרו לאנזא פאר זייער שטיצע פאר דעם פראיעקט. די בירגער אין מיין דיסטריט וועלן זיין פרייליך צו וויסן אז די וויכטיגע ארבעט איז ענדליך געקומען צו אן ענדע."

**איבער די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**

עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באררייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער!

פאר מער אינפארמאציע, טרעפט אונז אויף Facebook, פאַלאָוט אונז אויף X אדער Instagram, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפ.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן